# מײַן רועפּלאַץ

## Mayn Rueplats




נישט זוך מיך דאָרט, וואו מירטן גרינען —
געפֿינסט מיך דאָרטן נישט, מײַן שאַץ!
וואו לעבנס וועלקן בײַ מאַשינען,
דאָרטן איז מײַן רועפּלאַץ...

נישט זוך מיך, וואו פֿאָנטאַנען שפּריצן —
געפֿינסט מיך דאָרטן נישט, מײַן שאַץ!
וואו טרערן רינען, ציינער קריצן,
דאָרטן איז מײַן רועפּלאַץ...

נישט זוך מיך דאָרט, וואו פֿייגל זינגען —
געפֿינסט מיך דאָרטן נישט, מײַן שאַץ!
אַ שקלאַף בין איך — וואו קייטן קלינגען,
דאָרטן איז מײַן רועפּלאַץ...

און ליבסטו מיך מיט וואַרער ליבע —
טאָ קום צו מיר, מײַן גוטער שאַץ,
און הײַטער אַף מײַן האַרץ דאָס טריבן,
און מאַך מיר זיס מײַן רועפּלאַץ!